UCLA
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

## Title
Der Tants / The Dance

## Permalink
https://escholarship.org/uc/item/2r91v14d

## Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 97(1)

## Author
Jacob Schaefer, Yankef Sheyfer/

## Publication Date
1981

## Copyright Information
Copyright 1981 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

יעקב שיפער

# דער טאַנץ

אין איינעם פון די איבער זעכציק אַרבעטס־לאַגערן וואָס האָבן געהערט צו דאַכאַו, האָט מען געבראַכט פון אַ צווייטן לאַגער אַ פרישע גרופּע יידישע „העפט־לינגע.“

דער פריערדיקער לאַגער איז געוואָרן ליקווידירט, ווייל די יידן דאָרטן, געבראַכטע פון די געטאָס, זיינען מאַסנוויין אויסגעשטאָרבן פון הונגער, קלעפּ און שווערע אַרבעט, האָבן די דייטשן דאָס רעשטל געבליבענע צעשיקט אין די אַנדערע לאַגערן.

צום אונטערשייד פון די אַנדערע יידן, וואָס האָבן געשקלאַפט ביים בויען אַן אונטערערדישע עראָפּלאַנען פאַבריק, איז די נייע גרופּע באַשטאַנען פו בעלי־מלאכות: שסטערס, שניידערס און זייגערמאַכערס, וואָס אַרבעטנדיק ביי זייער פאַך, האָבן געהאַט אַביסל לייכטערע באַדינגונגען.

איינער פון די זייגערמאַכערס איז געווען אַ ייד פון אַ יאָר פופציק, געהייסן האָט ער פייוול נאָר גערופן האָט מען אים ר' פייוול. אמת קיין רב איז ער טאַקע ניט געווען, אָבער אַ פרומער ייד איז ער געווען און אויך זייער אַ גוטמוטיקער, פריינדלעכער מענטש. און אויגן האָט ער געהאַט אַזוינע וואַרעמע, טיפע, וואָס האָבן ווי געשטראַלט מיט גוטסקייט און איידלקייט, און האָבן אַרויסגערופן אַזאַ רעספּעקט צו אים. טייל האָבן אים נאָך געקענט פון געטאָ, וווּ ער האָט געטאָן כל עבודת פּרך. ווייל ער האָט זיך נישט געשטופּט און נישט געמאָנט אַביסל לייכטערע אַרבעט, האָט מען אים טאַקע נישט געשאַנעוועט, אָבער ער האָט זיך קיין מאָל נישט באַקלאָגט.

דערפאַר האָט ער אָבער נאָכאַנאַנד גע־

---

שניידערס פירהויז און אַרויסגעלאָפן אויפן גאַס. פאַרלאָרענע, האָבן די צוקוקערס נישט געוווּסט וואָס צו טאָן. דער זון מיט זיין ווייב האָבן אָנגעהויבן נאָכלויפן דעם טאַטן. אַלע זיינען נאָכגעלאָפן וויינענדיקע. דער אַלטער סטאַך איז געלאָפן באַרג אַראָפּ צום טייך...

חלומט אויפן קול וועגן דער באַפרייאונג, וואָס אָט־אָט קומט זי. ער האָט אַלעמען געטרייסט און געמונטערט: ער „ווייסט“ אויף זיכער אַז די רוסן האָבן דורכגעבראָכן דעם פראָנט און זיינען שוין ניט ווייט פון אונדזער שטאָט. אמת, ער האָט טאַקע די רוסן אויך ניט ליב געהאַט, זיי זיינען אפּיקורסים, אָבער זיי לאָזן דאָך גאַנץ דעם נפש. איצט, אַז די באַפרייאונג דאַרף קומען פון דער אַמעריקאַנער אַרמיי, איז דאָך אַוודאי „די ישועה גאָר נאָענט.“

די „איינוווינער“ פון דעם נייעם לאַגער זיינען אַלע געווען אונגאַרישע יידן, וואָס נאָך גאָר ניט לאַנג צוריק האָבן זיי נאָך געלעבט שטיל און רואיק ביי זיך אין די הייזער אין בודאַפּעסט און אומגעגנט. כמעט יעדער צווייטער פון זיי איז געווען אַ דאָקטער אָדער אַ פּראָפעסאָר. קיין יידיש האָבן זיי ניט געקענט, נאָר אונגאַריש אָדער דייטש. זיי האָבן בשום אופן ניט געקענט באַגרייפן דעם בראָך וואָס עס האָט זיי פלוצלונג געטראָפן. קיין פאַכמענער זיינען צווישן זיי כמעט ניט געווען. זיינען זיי אומגעקומען מאַסנוויין ביי דער שקלאַפן־אַרבעט און הונגער.

ווי דערשטוינט זיינען מיר געוואָרן ווען קומענדיק דעם ערשטן טאָג צוריק פון דער אַרבעט האָבן מיר דערהערט פון אַ צווייטן באַראַק אַ ניגון ווי מען וואָלט געדאַוונט. אַריינקוקנדיק האָבן מיר טאַקע געזען אַ גרופּע יידן שטייען און דאַוונען. געווען זיינען דאָס אויך אונגאַרישע יידן, אָבער פון אַ געגנט וואָס הייסט מאַרמאַרעש־סיגעט. זיי זיינען זייער פרום און ריידן אַלע יידיש. אונדזער ר' פייוול האָט גאָר אויפגעלעבט און ביי יעדער געלעגנהייט געדאַוונט און פאַרבראַכט מיט זיי.

איין מאָל באַגינען הערן מיר געשרייען: אויפשטיין! שנעלער! אנטרעטן צום טויער! זיך אויסגעשטעלט צו פיר אין אַ ריי האָט דער לאַגער־קאָמענדאַנט, וואָס איז פריער געווען אין אוישוויץ, געהאַלטן אַ רעדע, אַז לויט אַן אָפּמאַך מיטן רויטן קרייץ ווערן מיר צוריקגעשיקט נאָך אונדזער היימאַט. די נאַאיווע אונגאַרישע

יידן זיינען זיך געפֿאַלן קושן. מיר ליטוואַקעס „וועטעראַנען" פֿון פֿיר יאָר געטאָס און לאַגערן האָבן ביטער געלאַכט, ווייל מיר האָבן זיך שוין אויסגעקענט אויף זייער פֿאַלשקייט און היפּאָקריטסטווע און האָבן פֿאַרשטאַנען אַז דאָס איז נאָך איינער פֿון זייערע געמיינע ליגנס. נאָר איין פּיוול האָט אונדז געטרייסט: „איר זעט דאָך אַז זייער סוף איז נאָענט" — האָט ער געזאָגט אין דער שטיל.

נאָך אַ דריי טאָגיקן מאַרש, געיאָגט פֿון דער אַמעריקאַנער אַרמיי, האָבן די דייטשן אונדז אַריינגעפּירט אין אַ פֿאַרלאָזענעם לאַגער. אַביסל שפּעטער האָט זיך אָנגעפֿאַנגען אַ האַרמאַטן־שיסעריי, דאָס האָבן די אַמעריקאַנער געשאָסן אויף די אָפּטרעטנדיקע דייטשן, און די דייטשן האָבן צוריק־געשאָסן. מיר האָבן זיך פּלוצלונג געפֿונען אין קיינעמס לאַנד, און פֿון ביידע זייטן זיינען געפֿאַלן די קוילן גאָר נאָענט צו אונדזער באַראַק. איין קויל האָט אפילו אַרויסגעריסן די טיר פֿון אונדזער באַראַק.

פֿאַרגליווערטע פֿון שרעק, האָבן מיר געטראַכט אַז נאָך אַזוינע לאַנגע יאָרן פֿון איבערמענטשלעכן פּיין און ליידן, ווען מיר האָבן אָנגעשטרענגט אַלע אונדזערע גייסטיקע און מאַראַלישע כוחות בייצוקומען די ביטערע ווירקלעכקייט בכדי צו דערלעבן דעם אויסגעטרוימטן מאָמענט פֿון באַפֿרייאונג — צי דען זאָלן מיר אומקומען פֿון אַ דייטשישער אָדער אַמעריקאַנער קויל? נאָר איין ר׳ פּיוול און די מאַרמאַרעשער יידן האָבן זיך ניט פֿאַרלאָרן. זיי האָבן געהאַט אַן אַלטן אויסגעפּ־ווּטן מיטל: זיי האָבן געזאָגט תהלים.

אַ גאַנצע נאַכט האָט געדויערט די שיסעריי. באַגינען איז פּלוצלונג שטיל געוואָרן. מיט אַ מאָל זעען מיר אַ געלויף. אַלע לויפֿן אין דער ריכטונג פֿון טויער. מיר האָבן געזען אַז מיר זיינען ניט אַליין: הונדערטער אַנדערע לויפֿן אויך.

קומענדיק צום טויער האָבן מיר דערזען אַ טאַנק. מיר גלויבן ניט אונדזערע אויגן. יאָ, עס איז אַן אַמעריקאַנער טאַנק. אויפֿן טאַנק שטייען צוויי פֿאַרשטויבטע סאָלדאַטן. איינער רעדט אַריין אין אַ מיקראָפֿאָן און דערציילט צו זיינע העכערע וואָס ער זעט דאָ. די „העפּטלינגע" רינגלען אַרום דעם טאַנק, אַנדערע שטייען ווי געליימטע, ווי זיי וואָלטן ניט באַגרייפֿן וואָס דאָ קומט פֿאָר. אַנדערע וויינען, אַנדערע לאַכן היסטעריש און שרייען: „פֿריי! פֿריי! אַמעריקע פֿריי!" אַנדערע וואַרפֿן זיך קושן דעם טאַנק.

פּלוצלונג שרייט אויס ר׳ פּיוול: „יידן, לאָמיר אָפּגעבן אַ שבח צום רבונו של עלם." און שוין האָט ער געשאַפֿן אַ רעדל מיט די מאַרמאַרעשער יידן און זיך אַוועקגעלאָזן אין אַן התלהבותדיקן טאַנץ מיט אַ געזאַנג:

„שיבנה בית המקדש
במהרה בימינו
ותן חלקנו בתורתך."

אַלץ מער און מער זיינען אַריין אין ראָד, אַלץ שטאַרקער דער טאַנץ, אַלץ העכער דאָס געזאַנג. ניט אַלע קענען די ווערטער אָבער דער ניגון זינגט זיך פֿון זיך אַליין. די איבעריקע האָבן געפּאַטשט מיט די הענט, אויך די סאָלדאַטן אויפֿן טאַנק, וועלכע האָבן ניט געקענט פֿאַרשטיין פֿון וואַנען עס נעמען זיך אַזוי פֿיל ביי די אויסגעהונגערטע און אויסגעדאַרטע טענצערס — האָבן צוגעפּאַטשט מיט די הענט.

אָבער ניט נאָר דער טאַנץ און געזאַנג, אויך אַ האַרצרייסנדיקער געוויין האָט זיך געריסן פֿון די טענצער, אַ געוויין נאָך זייערע פֿאַרשניטענע נאָענטע און אייגענע, אַ געוויין נאָך זייער אומגעבראַכטן פֿאָלק. און אַזוי האָט זיך אויסגעמישט טאַנץ, געזאַנג און געוויין, ביז אַלע זיינען אַוועקגעפֿאַלן אויסגעשעפּטע און אויסגעמאַטערטע.

אויף מאָרגן גאַנץ פֿרי, ווען מיר זיינען אויפֿגעשטאַנען, האָבן מיר ר׳ פּיוולען מער ניט געפֿונען, נאָר אַ צעטל געשריבן מיט קרומע אותיות: „טייערע יידן, ג־ט זאָל געבן איר זאָלט מצליח זיין און געפֿינען אייערע משפּחות. איך האָב קיינעם ניט. איך קען דאָ ניט בלייבן קיין איבעריקע מינוט. מיין וועג פֿירט קיין מזרח.

מער האָט אים קיינער ניט געזען.